תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב
הערות פון די ליינער

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים
אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע

בעזרת השי"ת ▪ פרשת יתרו תש"פ ▪ גליון סז'

# וואס קומט קודם ביי דיר? דיין געלט אדער דיין תורה ומצות?

### די געוואלדיגע מוסר השכל וואס מיר לערנען זיך ארויס פון די "ואתה תחזה" וואס יתרו האט מחבר געווען.

**פרשת יתרו**, דער פרשה פון קבלת התורה, אנגעהויבן פונעם פסוק "**בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בַּיּוֹם הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי**", זענען פסוקים מלא תוכן ואהבה. אבער דער פרשה הייבט זיך נישט אן ביי דעם, דער פרשה הייבט זיך אן מיט "**וישמע יתרו!**" וכאן הבן השואל, פארוואס הייבט זיך דער פרשה אן מיט "יתרו"? וואס האט ער זוכה געווען צו שטיין הארט פאר קבלת התורה? ווען מיר וועלן פארשטיין וואס יתרו לערנט אונז אויס און וואס יתרו האט מוסיף געווען אויף די תורה, וועלן מיר זעהן אז דאס איז גאר דעם עצם הכנה לקבלת התורה, פרעגנדיג ביי זיך דער קשיא "וואס קומט קודם ביי מיר, מיין געלט אדער מיין תורה ומצות??"

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**וישמע יתרו.** זאגט רש"י: **יתרו.** שבעה שמות נקראו לו: רעואל, יתר, יתרו, חובב, חבר, קיני און פוטיאל. רש"י איז מסביר: קודם האט מען אים גערופן **יתר**, על שם שיתר פרשה אחת בתורה "**ואתה תחזה**". נאכדעם וואס ער האט זיך מגייר געווען וקיים המצוות, הוסיפו לו אות אחת על שמו און זיין נאמען איז געווארן "יתרו". (ועי' בשפת"ח)

ד"ה: אז זיין עיקר נאמען האט ער באקומען צוליב דאס וואס ער האט פארמערט א פרשה אין די תורה. לאמיר טאקע פארשטיין, וואס איז אזוי חשוב מיט די פרשה אז מען רופט אים אזוי...

אזוי אויך, זעהן מיר עפעס א ספעציעלע חשובות מיט די פרשה אז מען האט דאס געלייגט גלייך פאר קבלת התורה על אף וואס לפי האמת האט דאס פאסירט נאך קבלת התורה. (עי' רש"י ד"ה ויהי ממחרת מוצאי יוה"כ היה... ואין פרשה זו כתובה כסדר, שלא נאמר "ויהי ממחרת עד שנה שנייה). וואס איז אזוי חשוב אין די פרשה?

---

**אַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, אַנְשֵׁי חַיִל יִרְאֵי אֱלֹקִים אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע וְשַׂמְתָּ עֲלֵהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת.** (שמות יח, כא)

זעענדיג ווי אזוי משה איז אזוי פארנומען מיט משפט'ן דעם פאלק און די פיל שאלות וואס קומען ניטאמאל אן צו ווערן פארענטפערט, געבט יתרו א געוואלדיגע עצה: מען זאל נעמען נאך דיינים. ער זאגט פאר משה, "דו קענסט נישט אלעס אליינס, דו דארפסט האבן הונדערטער טויזענטער דיינים אונטער דיר וואס זאלן דיר ארויסהעלפן אין די ארבעט. אויב עס וועט ווערן גוט צוטיילט, וועסטו נישט דארפן ארבעטן אזוי שווער אליינס!"

"איך וואלט מציע געווען אז מען זאל אויפנעמען נאך אסאך דיינים און זיי צוטיילן אויף גרופעס. דהיינו, יעדע גרופע זאל האבן א חלק פונעם ציבור אונטער זיך. **שרי אלפים**: שטעל אוועק דיינים וואס זאלן זיין ממונה אויף 1,000 מענטשן, א ס"ה פון זעקס הונדערט דיינים אויף זעקס הונדערט טויזענט אידן. **שרי מאות**: דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 100 מענטשן, א ס"ה פון זעקס טויזענט דיינים אויף זעקס הונדערט טויזענט אידן. **שרי חמישים**: דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 50 מענטשן, א ס"ה פון צוועלף טויזענט דיינים. **שרי עשרות**: דיינים וואס זענען ממונה אויף יעדע 10 מענטשן, א ס"ה פון זעכציג טויזענט דיינים."

אלעס צוזאמען, וועט זיין א ס"ה פון 78,600 דיינים וואס וועלן דיר העלפן משפט'ן זעקס הונדערט טויזענט אידן. (סנהדרין יח.)

אבער פארשטייט זיך אז נישט יעדער קען זיין א דיין, מען דארף זעהן צו נעמען נאר אזעלכע מענטשן וואס זענען זייער ערליך אין די נושא פון געלט, דהיינו זיי האבן די פאלגנדע 4 מעלות...

1. **אַנְשֵׁי חַיִל**- מענטשן וואס האבן אסאך געלט. זיי דארפן זיך נישט חנפ'נען און געפעלן פאר קיינעם.
2. **יִרְאֵי אֱלֹקִים**- מענטשן וואס האבן מורא פונעם אייבערשטען. זיי האבן מער מורא פונעם אייבערשטען ווי פון מענטשן.
3. **אַנְשֵׁי אֱמֶת**- מענטשן וואס האלטן ווארט, מען קען זיך פארלאזן אז ווען זיי זאגן עפעס, מיינען זיי דאס אמת'דיג.
4. **שֹׂנְאֵי בָצַע**- מענטשן וואס האבן פיינט געלט. זיי האב נישט מורא צו פסק'נען ריכטיג אפ' דאס קען זיי ברענגען א פערזענדליכע געלט שאדן.

דהיינו: די מענטשן זוכן נאר דעם אמת און ווילן ראטעווען דעם עשוק מיד העושק, גארנישט וועט זיי צוריקהאלטן פון זאגן דעם אמת.

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פארבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

זיי דארפן נישט קיין גרויסקייט, זיי דארפן נישט קיין כבוד, זיי דארפן נישט קיין געלט. קיינער קען זיי נישט געבן אדער שיקן א מתנה וואס עי"ז זאלן זיי טוישן זייער דעת תורה. אזוי אויך, קען זיי קיינער נישט סטראשענען מיט א נקמה אויף זייער פארמעגן ווייל זייער פארמעגן רעדט נישט צו זיי. זיי האבן נאר איין זאך פאר די אויגן: לעשות רצון קונם.

* * *

## קען מען טרעפן א שונא בצע אדער נישט?

מתוך פי' רש"י ואיתו עמו עוד מפורשי התורה, איז משמע אז די אלע פיר מעלות דארפן זיין ביי איין מענטש און זיי זענען דער שליסל כדי צו קענען זיין א דיין.

לפי"ז, וועלן מיר מוזן זאגן אז הגם עס וואלט געווען גוט צו האבן די פיר מעלות, איז למעשה געווען צו שווער דאס צו געפונען, ווי דער פסוק זאגט ווייטער, **וַיִּבְחַר מֹשֶׁה "אַנְשֵׁי חַיִל" מִכָּל יִשְׂרָאֵל, וַיִּתֵּן אֹתָם רָאשִׁים עַל הָעָם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת.** (יח, כה)

פארוואס נאר "אנשי חיל"? וויבאלד משה האט טאקע נישט געקענט געפונען מענטשן מיט אלע פיר מעלות, האט ער בוחר געווען אינעם בעסטן- דעם "אנשי חיל". ווי דער ספורנו שרייבט: אחר שבקש ולא מצא אנשים שיהיו בהם כל המעלות שהזכיר יתרו, בחר באנשי חיל בקיאים וחרוצים לברר וללבן אמתות דבר ולהביאו אל תכלית יותר מיראי אלקים בלתי אנשי חיל...

וואס איז אבער מיט דעם שונא בצע? זעהט אויס אז דאס איז טאקע געווען צו שווער צו געפונען...

קומט אבער דער אוהח"ק און זאגט גאר אן אנדערע פשט וואס לפי"ד, שטומט דער גאנצע ענין פיל בעסער.

זאגט דער אוהח"ק: דא רעדט מען נישט פון איין מענטש וואס האט אלע פיר מעלות, נאר דא רעדט מען פון פיר אנדערע מענטשן, וואס יעדער פון זיי איז פיל חשוב'ער און פארמאגט מער מעלות פונעם צווייטן. טאקע דערפאר, האט יתרו זיי צוטיילט אויף 4 גרופעס, יעדער לויט וויפיל מעלות ער האט, אזויפיל מענטשן האט ער געהאט אונטער זיך.

דהיינו, ווען מען וויל שטעלן א דיין פאר טויזנט מענטשן, דארף ער זיין אן אויסדערוועלטער, א כלול המעלות ממש, איינער וואס איז אן **אנשי חיל**. דהיינו, איינער וואס האט אין זיך אלע 4 מעלות, ער איז אן ערליכער, א צופרידענער, אן אמת'ע בעל מדות, א ירא שמים, ועל כולם, א שטארקע כאראקטער. בקיצור, א כלול המעלות. און טאקע אזא איינער קען זיין א דיין אפי' פאר טויזנט מענטשן.

משא"כ, א דיין וואס איז נאר פאר הונדערט מענטשן, ער דארף שוין נישט זיין אזא מושלם, עס קען שוין זיין די נעקסטע מדריגה, א **ירא אלקים**. ער איז אויך זייער אן ערליכער, איינער וואס האט מורא פון אן עבירה, אבער נישט אזא מושלם ווי דער אנשי חיל.

און אזוי ווייטער, א דיין פאר יעדע פופציג מענטשן, הגם ער איז נישט אנגעקומען צו אזא מדריגה פון ירא אלקים, ווי לאנג ער האט אין זיך דער מעלה פון **אנשי אמת**, ער זוכט נאר דעם אמת ביים משפט'ן, קען ער זיין א דיין אויף פופציג מענטשן.

ווען עס קומט צו זיין א דיין אויף 10 מענטשן, קען ער שוין זיין נאך אביסל שוואכער, אבער די עיקר דארף ער זיין א שונאי בצע, ער מעג נישט גלייכן דאס געלט, נאר דארף פיינט האבן די וואס דינען דעם געלט.

**דאס הייסט: די וויינציגסטע וואס מען דארף זיין כדי צו זיין א דיין איז א שונא בצע...**

זאגט דער אוהח"ק: לפי"ד שטומט זייער גוט דער קומענדיגע פסוק, "**וַיִּבְחַר מֹשֶׁה אַנְשֵׁי חַיִל מִכָּל יִשְׂרָאֵל**"... (יח, כה) משה האט טאקע געטראפן גענוי וואס ער האט געזוכט, "**אנשי חיל"- דאס בעסטע פון אלע פיר, איינער וואס האט אין זיך אלע מעלות.** און טאקע זיי האט ער געמאכט פאר אלע דיינים, אז מען קען טרעפן דאס בעסטע פאר אלע, איז דאך אודאי גוט!

שונא בצע האט מען זיכער געפונען און נאך אפי' פיל מער...

* * *

## פארוואס אזויפיל דיינים?

פרעגט דער דברי יואל: לכאורה איז דאס א געוואלדיגע פלא, פארוואס זאל מען דארפן קרוב צו אכציג טויזנט דיינים אינעם מדבר? אויב אין ירושלים, אין די גוטע צייטן ווען עס איז געווען רבתי עם, וואס אין יעדע חצר האט געוואוינט כמעט כפלים כיוצאי מצרים (כמבואר במדרש איכה) איז געווען גענוג איין בי"ד פון 71 דיינים און צוויי בתי דינים פון 23 דיינים (רמב"ם פ"א מה' סנהדרין ה"ג), פארוואס פונקט דא אין מדבר, ווען די אידן האבן געלערנט תורה פון משה רבינו אליין, זיי האבן נישט עוסק געווען אין קיין שום משא ומתן ווייל זיי האבן דאך אלע געגעסן מן, זאל מען דארפן אזויפיל דיינים?

זאגט דער דברי יואל: ונל"פ עפימ"ש החזקוני (עה"פ וישב משה לשפוט את העם יח, יד) וז"ל **יש מפורשים שהוא הערב רב שהיו תובעים מהם את שלל קרוביהם**...

ד"ה: אודאי רעדט מען נישט דא פון די המון עם, בני ישראל הכשרים וואס זענען געזעצן און געלערנט תורה מיט אמונה און בטחון, אן קיין דאגות. זיי האבן טאקע נישט געהאט קיין שום פראבלעם. דאס וואס יתרו האט געזעהן **וכל העם נצב עליך מן בוקר עד ערב** איז געווען נאר פון די פיל ערב רב!

וואס ווילן די ערב רב? **היו תובעים מהם את שלל קרוביהם**... דהיינו, נאך וואס די מצריים זענען דערטראנקן געווארן אינעם ים, זענען די ערב רב געקומען מיט א געוואלדיגע טענה צו די אידן, "אנטשולדיגט טייערע אידן, איר ווייסט אז די אלע מצריים דא האבן יורשים?" (די ערב רב זענען דאך אלע באמת געווען מצריים, נאר זיי האבן זיך מיטגעכאפט מיט די אידן ביים ארויסגיין פון מצרים מיטן טענה אז זיי ווילן ווערן א חלק פון כלל ישראל.)

"איר האט אלע גענומען פון אונזערע ברודער אנגעלאדענטע חמורים מיט טייערע כלים און חפצים פון גאלד און זילבער. ביטע געבט דאס שוין צוריק פאר אונז! איר האט דאך דאס ס"ה נאר געבארגט! ריכטיג?"

זאגט דער דברי יואל: **וכולן באו לדון עם ישראל על הירושה, ויתכן שגם בינם לבין עצמם הי' להם סכסוכים רבים, ע"כ היו צריכים לדיינים הרבה, ולא היו מספיק להם כל אלה הדיינים...**

זיי זענען טאקע געווען די מענטשן וואס זענען געשטאנען מבוקר ועד ערב און זיך געקריגט מיט משה, אים געמוטשעט און געפייניגט מיט טענות און מענות. ווי דער כלי יקר טייטשט: שהרי באמת לא דן כל היום כי אם זמן דיינים, דהיינו שש שעות. אפי' נאכן פסק'נען, זענען די חברה נאך געשטאנען ביי משה און זיך געקריגט מיט אים מיט אלע סארטן טענות.[א]

**ווייל מענטשען וואס האבן ליב געלט, ווערן נישט זאט פון געלט. זיי דארפן און דארפן און ווילן זיך קריגן און קריגן פאר יעדן דאללער.**

## איז זייער טענה א טענה?

לאמיר נישט צופיל מעמיק זיין אין הלכות ירושה. נניח זיי זענען באמת געווען די יורשים, איז זייער טענה דען א טענה? ניין, אפילו ווען דאס זאל זיין די מצריים אליין, איז זייער טענה נישט קיין טענה.

דערציילט די גמרא אין סנהדרין (עא.): **פעם אחת באו בני מצרים לדון עם ישראל לפני אלכסנדרוס מוקדון**, איינמאל זענען די בני מצריים געקומען צום גרויסן קעניג אלכסנדרוס מוקדון מיט א טענה, זיי רופן די אידן צום משפט. וואס איז געשעהן? אין די תורה שטייט: וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום (שמות יב, לו). "מיר ווילן צוריק די אלע גאלד אין זילבער וואס די אידן האבן פון אונז גענומען!"

דער קעניג הערט זיי אויס און זאגט "לכאורה קוקט דאס אויס ווי א גוטע טענה!"

דערציילט די גמרא: **אמר גביהא בן פסיסא לחכמים תנו לי רשות ואלך ואדון עמהן לפני אלכסנדרוס**. עס איז געווען דארט א פשוט'ע איד **גביהא בן פסיסא** וואס האט געבעטן די חכמים אז ער וויל גיין צום ויכוח. דער איד קומט אן און פרעגט די מצרישע גוים, "זאגט נאר, איר ברענגט א ראיה פון די תורה אז אייערע ווערטער זענען ווארר?! איך וויל אייך אפ-ענטפערן מיט א פסוק פון די זעלבע תורה."

"צו קענט איר די פסוק **ומושב בני ישראל אשר ישבו במצרים שלשים שנה וארבע מאות שנה?**" (שמות יב, מ) "זעקס הונדערט טויזענט אידן האבן אייך ערליך געדינט פאר פיר הונדערט און דרייסיג יאר! איר קענט "אונז" אפשר באצאלן פאר דעם?"

אלכסנדרוס מוקדון הערט די טענה און זאגט זיי, "החזירו לו תשובה." אבער זיי ווייסן נישט וואס צו זאגן! זאגן זיי צום קעניג, "תנו לנו זמן שלשה ימים" אבער נאך אלץ, בדקו ולא מצאו תשובה, **מיד הניחו שדותיהן כשהן זרועות וכרמיהן כשהן נטועות וברחו**[ב]...

עס איז נישט קיין שום שאלה אז די אלע געלטער באלאנגן פאר די אידן באמת ובצדק. אבער ווען עס קומט צו דער ענין פון תאות הממון, מען דארף און דארף נאך און נאך, ווערט פון יעדע טענה א טענה, עד כדי כך, אז נאכן דין תורה, שטייט מען נאך און מען טענה'ט זיך מיטן דיין ווי גלייך מען וואלט אים בא'עוול'ט מיט די גרעסטע עוולות.

## נאך א דוגמא, וויאזוי א מענטש קען זיך טועה זיין...

**וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן**. (שמות יד, ב) דער מדרש דערציילט: ביי דער ע"ז בעל צפון שהיה בין מגדל ובין הים, האט יוסף באהאלטן די אלע געלטער, גאלד אין זילבער וואס ער האט צוזאמגעקליבן פון אלע לענדער במשך פון די הונגער יארן. כמו שנאמר "**וילקט יוסף את כל הכסף**". (בראשית מז, יד)

אזוי אויך, איז דארטן באהאלטן געווארן די גאנצע רכוש פון מצרים, אלע אוצרות פון זייערע קעניגן ועוד ועוד, האלטנדיג אז דאס איז די מערסטע אפגעהיטנסטע פלאץ, הארט נעבן זייער ע"ז.

דאס אלעס איז געווען ביז די אידן האבן דערגרייכט דעם ארט, אבער ווען די אידן זענען דארט אנגעקומען, האבן זיי אלעס אלעס גענומען. (מדרש לקח טוב)

נו, זעענדיג ווי די אידן שפאצירן אוועק מיט די פיל שווערע אוצרות פון די מצריים, האבן מסתמא דא אויך די ערב רב געטראכט, "אנטשולדיגט ר' איד, ווער געבט אייך רשות דאס צו נעמען? דאס איז נישט אייערע, דאס באלאנגט פאר די מצריים!"

זאגט אבער דער ילקוט מעם לועז (פרשת בא, בדפוס חדש דף שז'): אודאי, דאס אלעס איז קיין טענה נישט, נאר פונקט פארקערט! דאס אלעס האט ערליך באלאנגט פאר די אידן! צו ווייסט איר ווי אזוי די געלט איז אנגעקומען דארט?

אונזער פעטער יוסף, וואס ער האט דאס אלעס פארדינט, האט צאמגעקליבן אלע זיינע אוצרות און דאס אוועקגעלייגט טאקע פאר אונז צו נעמען ווען מיר גייען ארויס פון מצרים און גייען דא אדורך, "ר' גוי, דאס איז מיין פעטער'ס פארמעגן און דאס באלאנגט פאר אונז!"

אבער ווען איינער איז אן אוהב כסף ולא ישבע כסף, וועט ער שוין טרעפן אלע מינע היתרים און הלכות וואס זאגן גאר אז ער איז גערעכט. און אויב דער דיין פארשטייט דאס נישט, וועט ער אים קודם פרובירן משחד זיין מיט שיינעם. "איך געב דיר א חלק פראצענט, זיי נישט קיין נאר! ארבעט מיט מיט מיר!" אויב דאס גייט אים נישט, וועט ער פרובירן מאיים צו זיין, "איך וועל שעדיגן דיין פארמעגן. הייב זיך נישט אן מיט מיר..."

---

[א] עיי"ש בדברי יואל בהמשך, **ומעתה אפ"ל** דמ"ש יתרו וכל העם נצב אליך מן בוקר עד ערב, הם היו הערב רב שהיו מחרחרי ריב ומחזיקים במחלוקות. משא"כ בני ישראל הכשרים...

[ב] אויב מיר ווען קוקן אין די מפורשים אין פרשת בא, וועלן מיר טרעפן נאך פיל תירוצים, עי' רבינו בחיי עה"פ **וישאלו איש מאת רעהו** (שמות יא, ב). אין שאלה זו כשאלה האמורה בכלים שהוא על מנת להחזיר, אלא צוה שישאלו מהם במתנה.

אבער ווען דער דיין איז פון די **אַנְשֵׁי חַיִל**- מענטשן וואס האבן אסאך געלט, דארפן זיי זיך נישט חנפ'נען און געפעלן פאר קיינעם. ווען דער דיין איז פון די **שׂוֹנְאֵי בָצַע**- מענטשן וואס האבן פיינט געלט, זיי האב נישט מורא צו פסק'נען ריכטיג, על אף וואס אפשר קען עס זיי ברענגן פערזענדליכע שאדן אין זייער געלט.

**דאס איז דער כח פון א דיין: פסק'נען ריכטיג אין יעדע מצב, לייגן די הלכות פון די תורה און מצות פאר יעדע סארט געלט פארבלענדעניש.**

לאמיר פארענטפערן די קשיות מיט וואס מיר האבן אנגעפאנגען...

## וואס איז אזוי חשוב פון די פרשה?

יא, די פרשה האט פאר אונז א געוואלדיגע חשיבות. אויב א גוי, אפי' פארן זיך מגייר זיין, קען פארשטיין די געוואלדיגע פארבלענדעניש וואס ליגט אין דער געלט, קען פארשטיין די געוואלדיגע שוועריקייט וואס ליגט פאר א דיין צו קענען פסק'נען ריכטיג און קומען אנצייכענען פונקטליך וועלכע מדות א דיין דארף האבן כדי צו קענען זעהן דער אמת און בלויז דעם אמת ע"פ דברי תורתינו הק'... ער באקומט קרעדיט!!

והיינו טעמא אז די תורה הק' האט געלייגט דער פרשה איידער קבלת התורה, על אף וואס דאס איז געווען נאך קבלת התורה. להורות לנו, עס איז אמת אז מען דארף האבן געלט ווייל יעדע ריר אין לעבן קאסט געלט און בלויז מקיים צו זיין מצות ומעש"ט דארף מען האבן געלט, אבער מען דארף אכטונג געבן נישט צו ווערן פארקויפט פארן געלט, מען זאל נישט מאכן דעם טפל פאר אן עיקר.

**איידער דו גייסט מקבל זיין די תורה, זאג צו זיך "אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם. איך גיי נישט ווערן איבערגענומען פון געלט, איך גיי נישט עובר זיין אויף קיין שום זוז כל שהוא פון די תורה צוליב געלט."**

## דער ריזיגע פארמעגן פונעם איד בעת יצ"מ...

זאגט דער גאון ר' שלמה איגר[ג]: לכאורה איז דאס א שטארקע תמיהה, פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסן פאר די אידן בעת יצ"מ צו בארגן כלי כסף וכלי זהב? וואס גייען די אידן טוהן מיט אזויפיל געלט אין די מדבר? ענדערש וואלטן זיי געדארפט בארגן מלבושים, עסן וכדו'- זאכן וואס מען קען כאטש נוצן אינעם מדבר.

ובכן, איז בכלל שווער, וואס איז געווען דער גרויסע ריזיגע השפעה פון געלט אז זיי דארפן נאך און נאך? ווען בכלל איז אויסגעקומען פאר די אידן צו נוצן געלט אינעם מדבר? ובפרט ווען אפי' פאר די מינימאלע געברויכן האבן זיי אויך נישט געדארפט זארגן, זייער קליידער איז שטענדיג געווען ניי, געביגלט און מיטגעוואקסן מיטן מענטש דורך די עמוד הענן, זייער עסן איז געווען גרייט יעדן אינדערפרי ביים טיר, וואס דארף מען אזא הון תועפות? וואס טוט מען מיט דעם?

זאגט דער גאון א געוואלדיגער חידוש: **כי באמת כל אלו שיצאו ממצרים היה אנשים שהתרוממו והתעלו מדברים גשמיים ותאוות עיני בשר ודם, כי כל אלה שהתאבו סתם לדברים גשמיים כבר מתו בשלושת ימי אפלה, וע"כ לא נשארו כי אם אנשים מעולים ומרוממים**, מען רעדט באמת פון זייער דערהויבענע מענטשן, זיי האבן קיין גשמיות נישט געגליסט און נישט געוואלט...

נאר וואס? דער אייבערשטער האט זיי געוואלט פארזיכערן מיט אט די דערהויבנקייט אז עס זאל בלייבן שטענדיג ביי זיי און זיי זאלן שפעטער נישט צוריקפאלן חלילה. דהיינו, **ומהנהגת הבורא לצדיקים שעבדו והשתפרו מעשיהם ושברו את טבעם, להגיע להם למצב שלא יפלו עוד לתאוותם כי עשה כל אשר עליו לעשות**, דער אייבערשטער זעהט אז דער צדיק האט צובראכן זיין טבע און איז אנגעקומען צו א העכערע מדריגה. כדי ער זאל נישט צוריקפאלן, טוט ער אים משפיע זיין מיט שפע רב **עד כדי כך שלא יתאווה עוד לדב"ז.**

דערפאר, האט דער אייבערשטער דייקא יעצט אנגעהויבן משפיע זיין מער און מער שפע. אנגעהויבן ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, האט דער אייבערשטער זיך געבעטן ביים איד "נעם ווי מער פון די ביזת מצרים." אזוי אויך, האט ער געפירט דעם איד צו פי החירות, צו נעמען פון דארטן די פיל אוצרות. דערצו, האט ער נאך צוגעשיקט פון גן עדן טייערע שטיינער און דיימאנטן. עס איז נאכנישט פארטיג, יעצט האט דער אייבערשטער געהייסן נעמען הויפנעס מיט הויפנעס פון ביזת הים, צען מאל מער ווי וואס זיי האבן געהאט ביז יעצט. שפעטער, האבן זיי באקומען יעדן טאג פיל ווערדפולע דיימאנטן מיט די מן. דער אייבערשטער האט געזאגט, "איך וועל דיר געבן און געבן אזוי פיל ביז דו וועסט זיך ממש עקלן פון געלט און נאר וועלן קרבת אלקים."

* * *

דאס איז אונזער הכנה לקבלת התורה, פאר'מואס'ט ווערן פון די ע"ז פון געלט! דער געלט זאל נאר זיין ווי א מיטל אנצוקומען דארט וואו מען דארף אנקומען, אבער דאס איז נישט דער גאנצע תכלית. קיינער איז נישט מחשיב אדער האט ליב א טיש, א בענקל אדער א פאסט-טרעגער, ווייל עס איז קלאר פאר אים אז די זאכן זענען נאר א מיטל פאר זיינע געברויכן און דאס איז נישט דער עיקר.

דייקא נאר די ערב רב, די וואס די עמוד הענן האט נישט אריינגענומען, די וואס האבן טאקע נישט אליין געקענט עסן די הייליגע מן, נאר ווען איינער האט זיי דאס געגעבן, זיי זענען נעבעך געבליבן מיט די תאוות הממון. און ווען זיי האבן געהערט פון משה דעם קלארן פסק: "ר' גוי, דעם גאנצן רכוש האט מיט דיר נישט קיין שייכות, דאס איז אונזער זיידע'ס אברהם'ס ירושה", זענען זיי נישט געווען צופרידן מיט די תשובה, און ווייטער געשטאנען און געמוטשעט משה רבינו, פארפירט בייטאג און ביינאכט.

ביז יתרו איז געקומען און געזאגט "טאקע פאר די געלט ליב-האבערס, פאר זיי דארף מען האבן אסאך און גוטע שטארקע רבי'ס. אבער פאר די ערליכע אידן, איז איין בית דין פון 23 אויך שוין צו פיל ווייל "יענעם'ס געלט, אפי' אויף א ספוק, וויל איך נישט האלטן"."

[ג] מובא בספר תורת אבות מר' שלמה איגר בן של הגאון רעק"א. עה"פ דבר נא באזני העם וישאלו איש מאת רעהו ואישה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב...

## מעשה רב

**ער אליין האט אזוי גע'פסקנ'ט.**

בספר נחמד ונעים ווערט געברענגט: והנה שמעתי דבר פלא ממגידי אמת, דער גאון ר' פאלק כהן, בעל ספר מאירת עינים, האט אמאל געהאט א דין תורה מיט א צווייטן איד, ווער קומט פאר ווען א גרויסע סכום געלט. דער דיין הערט אויסביידע טענות און פסק'נט אז דער גאון מוז געבן פארן צד שכנגד כ"ב אלפים זהובים!

**צו זיין גרויס וואונדער, זאגט אים דער דיין, "איך האב גע'פסק'נט דער פסק לויט די הלכה ווי דער גאון אליין שרייבט אין זיין ספר "מאירת עינים" אז ביי די און די פאל איז אזוי דער דין!"**

דער גאון שטייט בהעלם און זאגט, "אכן נודע הדבר כמה גדולים דברי רז"ל שאמרו אין אדם רואה חוב לעצמו."

* * *

**ווי אזוי בעהט מען פאר פרנסה??!**

כידוע האט דער רב געלעבט זייער בדחקות, מתוך מצוקה ורעבן ממש, און מיט דעם אלעם, האט דאס אים נישט געשטערט פון זיין עבודת הק'.

איין דאגה האט דער רב כסדר געהאט" דער רביצין זאל דאס קענען אדורכטראגן."

פלעגט דער רב מתפלל זיין בהאי לישנא, "רבונו של עולם, עס איז מיר שווער צו בעטן פון דיר אז דו זאלסט מיר שיקן געלט ווייל איך וויל נישט קיין מתנת חנם. איך זאל טרעפן אן אבידה איז מיר אויך שווער צו זאגן ווייל מען דארף מצער זיין א צווייטן."

נאר דאס בעהט איך פון דיר, "זיי מחזק די מדת הבטחון אין די הארץ פון מיין רביצין..."

וסיים בזה הלשון, "עס קוקט מיר אויס אז מיין תפילה איז נתקבל געווארן ווייל כל ימי איז מיר געווען זייער ענג מיין פרנסה און איך האב קיינמאל נישט געהערט מיין רביצין קרעכצן."

(חכמת חיים, עמוד רנ"א)

## צידה לדרך:

**יתרו זאגט: אַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם אַנְשֵׁי חַיִל...**
**משה זאגט: וַיִּבְחַר מֹשֶׁה אַנְשֵׁי חַיִל מִכָּל יִשְׂרָאֵל"...**

והנה אמרו "מכל העם", ובמעשה נאמר ויבחר משה אנשי חיל מכל ישראל. והנראה ליתרו אמר מכל הע"ם, היינו גם אם יהיו אנשי חיל מערב רב יקח אותם לשפטים. ואדוניכו משה אל רצה למנות שופטים מערב רב, כי כל משימות שאתה משים לא יהיה אלא מקרב אחיך (יבמות מה:), על בחר רק מכל ישראל כנ"ל.

(אגרא דכלה)

## מוסר השכל

# געלט!

געלט איז א זאך וואס מיר אלע ווילן האבן און דארפן האבן, נישט פאר מותרות, נאר פאר עצם קיום התורה והמצות. מיר דארפן געלט צו צאלן שכ"ל, צו גיין אין מקוה, צו קויפן ד' מינים, צו מקיים זיין סעודות שבת... א קאפל, א ציצית, תפילין, בר מצוה, חתונה, פאר כמעט אלע מצות מעשיות פאדערט זיך געלט...

אבער וואס מיינט דאס געלט פאר אונז? צו איז דאס נאר א אופן פון זיך קענען באגיין אדער איז דאס א תאוה וואס נעמט איבער דער מענטש? איז געלט די וויכטיגסטע זאך, מער פון אלעם און ער לייגט דאס אלץ זיין ערשטע פריאריטעט"ט אדער....

ווען מען דארף בוחר זיין, דיין געלט אדער דיין תו"מ, וועלכע קומט פריער? וויפיל פון דיין פארמעגן ביסטו גרייט אויפצוגעבן אויב עס איז דא א שאלה אויף דעם, אדער צוליב דעם דארפסטו אויפגעבן דיין תורה ומצות?

ווען מען ביסטו מחשיב אינדערהיים? איינער וואס האט געלט אדער איינער וואס איז אן עובד השם?

אלץ אן הכנה צו קבלת התורה, לאמיר זיך אלע אונטערנעמען צו זיין עטוואס עפעס א שטיקל "שונאי בצע".

ווי רש"י און דער רמב"ן זענען מסביר איז א "שונאי בצע", א סארט מהות, אזא איינער וואס ווערט נישט נתפעל פון געלט. סיי וועלכע געלט וואס איז נאר דא א שאלה אויף דעם, אפי' ביי אים אליין, וויל ער שוין נישט האבן. ער לויפט נישט נאך קיין געלט, זיכט נישט צו מאכן גרויסע געשעפטן כדי צו זאמלען געלט. ער דארף נישט קיין מתנות פון קיינעם. ועל כולם, זיכט ער זיך נישט צו פארזיכערן כסדר מיט זיין פארמעגן, ער איז צופרידן מיט דאס וואס ער האט. (ועי' במעם לועז)

דער הייליגער פלא יועץ זאגט: (אות ת' תלמידי חכמים) **ומה מאד צריכים לזהר התלמידי חכמים שיהיו שונאי בצע ושונאי מתנות...** דער מדה פון א בן תורה איז נישט נאכלויפן און וועלן כסדר באקומען נאך און נאך...

**לאמיר טאקע זוכה זיין.**